# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פרשת נח ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון עה ||| שנה ג'

באידיש



בך אבטח א

קביעת עתים לתורה ה


## בך אבטח

### המקום יצילנו מפיזור הנפש;

בטחון איז דאָס בעסטע לעזונג סיי פאַר'ן עושר און סיי פאַר'ן עני

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור ל"ד, ב' שמות תש"פ

חלק א

א

## וטהר ליבנו לעבדך באמת; די גרעסטע מעכב פאר עבודת ה' איז אַ חסרון אין בטחון

**אותיות מחכימות** — חובת הלבבות שער הביטחון

וּמִתּוֹעֶלֶת הַבִּטָּחוֹן בַּה' בְּעִנְיַן הַתּוֹרָה, כִּי הַבּוֹטֵחַ בַּה', אִם הוּא בַּעַל מָמוֹן יְמַהֵר לְהוֹצִיא חוֹבוֹת הָאֱלֹקִים וְחוֹבוֹת בְּנֵי אָדָם מִמָּמוֹנוֹ בְּנֶפֶשׁ חֲפֵצָה וְרוּחַ נְדִיבָה. וְאִם אֵינֶנּוּ בַּעַל מָמוֹן, יִרְאֶה כִּי חֶסְרוֹן הַמָּמוֹן טוֹבָה מִטּוֹבוֹת הַמָּקוֹם עָלָיו, מִפְּנֵי שֶׁנִּסְתַּלְּקוּ מֵעָלָיו הַחוֹבוֹת שֶׁהוּא חַיָּב בָּהֶם לֵאֱלֹקִים וְלִבְנֵי אָדָם בַּעֲבוּרוֹ, וּמִעוּט טִרְדַּת לִבּוֹ בִּשְׁמִירָתוֹ וְהַנְהָגָתוֹ.

כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר עַל אֶחָד מִן הַחֲסִידִים שֶׁהָיָה אוֹמֵר: הַמָּקוֹם יַצִּילֵנִי מִפִּזּוּר הַנֶּפֶשׁ. אָמְרוּ לוֹ: מָה הוּא פִּזּוּר הַנֶּפֶשׁ? אָמַר: שֶׁיִּהְיֶה לִי מָמוֹן בְּרֹאשׁ כָּל נָהָר וּבְרֹאשׁ כָּל קִרְיָה, וְהוּא מַה שֶּׁאָמְרוּ זַ"ל (אבות ב ז): מַרְבֶּה נְכָסִים מַרְבֶּה דְאָגָה, וְאָמְרוּ (אבות ד א) אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ.

וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' יַשִּׂיג תּוֹעֶלֶת הַמָּמוֹן, רְצוֹנִי לוֹמַר פַּרְנָסָתוֹ, וְתִמָּנַע מִמֶּנּוּ טִרְדַּת הַמַּחֲשָׁבָה שֶׁל בַּעַל הַמָּמוֹן וְהַתְמָדַת דַּאֲגָתוֹ לוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמַר הֶחָכָם: 'מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה יֹאכֵל וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן' (קהלת ה יא).

### די דריטע תועלת פון בטחון לגבי עבודת ה'

מיר האַלטן אינמיטן דער פתיחה פון דעם **חובת הלבבות** צום **שער הבטחון**, וואו ער רעכנט אויס די מעלות און די תועלת וואָס דער בעל בטחון האָט ווען ס'קומט צו די ענינים פון תורה און עבודת ה'.

דער חובת הלבבות שרייבט אין אָנהויב פון דער פתיחה, אַז **בטחון איז די ערשטע יסוד אין אידישקייט**, און **אַ מענטש קען נישט דינען דעם אויבערשטן ריכטיג אויב ער האָט נישט קיין בטחון.** דערפאַר האָט דער חובת הלבבות געזאָגט: איך גיי דיך אויסרעכענען די מעלות פון בטחון בעניני התורה, אז ער וועט יונק זיין די תורה פון אַ ריכטיגע פלאַץ, און דאָס וועט אים ברענגען אַ מנוחת הנפש מיט די גוטע געפילן און מחשבות צו דינען דעם אויבערשטן ריכטיג. און נאָכדעם גיי איך דיך אויסרעכענען אַז **אפילו לגבי סתם זאַכן, בעניני העולם, האָט אַ מענטש אויך אַ מורא'דיגע תועלת פון בטחון.**

אַצינד לערנט מען **די דריטע תועלת פון בטחון** ביי עניני התורה: דער חובת הלבבות, ברוב חכמת תורתו, האָט גוט געוואוסט אַז איינס פון די עיקר מעכבים וואָס מאַכט חרוב די עבודת ה' פון אַ מענטש איז דאָס ענין וואָס הייסט 'געלט'! **יאָ, די פשוט'ע תשוקה צו געלט מאַכט חרוב אונזער עבודת ה' אויף אַלע סאָרט אופנים.** און דערפאַר זאָגט אונז דער חובת הלבבות אַז אויב אַ איד גייט האָבן בטחון וועט עס אים העלפן אַז דאָס געלט זאָל אים נישט שטערן פון זיין עבודת ה'.

### דאָס וויכטיגקייט פון בטחון ביים מענטש וואָס פאַרמאָגט יאָ געלט

דער חובת הלבבות זאָגט אַזוי: לאָמיר צעטיילן די מענטשן אויף דער וועלט אין צוויי חלקים; די וואָס האָבן יאָ געלט און די וואָס האָבן נישט קיין געלט. **כִּי הַבּוֹטֵחַ בַּה', אִם הוּא בַּעַל מָמוֹן יְמַהֵר לְהוֹצִיא חוֹבוֹת הָאֱלֹקִים וְחוֹבוֹת בְּנֵי אָדָם מִמָּמוֹנוֹ בְּנֶפֶשׁ חֲפֵצָה וְרוּחַ נְדִיבָה.** - איינער וואָס האָט יאָ געלט און ער איז נישט קיין בעל בטחון, וועט די געלט זיין אַ מורא'דיגע עיכוב פאר זיין עבודת ה', ס'וועט זיין אַ מפסיק צווישן אים מיט'ן רבוש"ע, ווייל אויב ער איז צוגעטשעפּעט צו זיין געלט וועט אים זיין זייער שווער צו מקיים זיין אַלע מצוות וואָס מ'דאַרף טון מיט געלט.

ווידעראום **אויב איז ער אַ בעל בטחון, וועט די געלט נישט זיין קיין שום עיכוב.** ער וועט זיך איילן צו מקיים זיין אַלע זיינע חיובים וואָס ער דאַרף טון פאַר'ן אויבערשטן. ער וועט נישט האָבן קיין שום אָפּהאַלט צו קויפן אַ טייערע פּאָר תפילין מיט אַלע הידורים, מהודר'דיגע ציצית, און הוצאות לכבוד שב"ק, א.א.וו.

אַזוי אויך ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַ שאלה בעניני רבית וכדומה, האָט ער נישט קיין שום פּראָבלעם זיך צו אָפּטיילן פון זיין געלט; סיי געלט וואָס ער פאַרמאָגט שוין, און סיי געלט וואָס ער קען פאַרדינען. **דאָס געלט רעדט נישט צו אים!** ווייל ער ווייסט אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס גיבט אים אַלע זיינע צרכים, און ער קען רואיג מקיים זיין חיובים מיט אַלע הידורים.

דאָס זעלבע איז לגבי '**חובות בני אדם בממונו**', ווען ס'קומט צו געבן צדקה מיט גמילת חסדים,


פטרון סדר בראשית

נתנדב ע"י הרוצה בעילום שם

לעילוי נשמת הרה"ק ר' **חיים זאנוויל** בן ר' **משה** זצוק"ל

וועט ער דאָס טון שנעל און **ער וועט עס טון מיט אַ געשמאַק!** ס'וועט אים נישט ווי טון, ער וועט נישט האָבן קיין פּראָבלעם אַז ער דאַרף יעצט טון אַ זאַך וואָס איז אים ביטער שווער אָבער 'וואָס זאָל מען טון, מ'דאַרף דאָך זיין אַ איד, מ'דאַרף טון וואָס מ'דאַרף'... ניין, ער וועט דאָס טון '**בנפש חפיצה וברוח נדיבה**'!

## דער וואָס האָט נישט קיין געלט איז פּטור פון גרויסע חובות

יעצט גייט דער חובת הלבבות אַריבער צו רעדן פון די וואָס האָבן נישט קיין געלט: **וְאִם אֵינֶנּוּ בַּעַל מָמוֹן, יִרְאֶה כִּי חֶסְרוֹן הַמָּמוֹן טוֹבָה מִטּוֹבוֹת הַמָּקוֹם עָלָיו**, ס'וועט אים נישט שטערן זיין מאַנגל אין געלט, ווייל ער ווייסט אַז דאָס וואָס ער האָט נישט קיין געלט איז אַ טובה וואָס דער רבוש"ע האָט אים געגעבן.

דער בעל בטחון וועט טאַנצן פאַר שמחה מיט די טובה וואָס השי"ת האָט אים געטון אַז ס'פעלט אים געלט. פאַרוואָס? **מִפְּנֵי שֶׁנִּסְתַּלְּקוּ מֵעָלָיו הַחוֹבוֹת שֶׁהוּא חַיָּב בָּהֶם לֵאלֹקִים וְלִבְנֵי אָדָם בַּעֲבוּרוֹ, וּמִעוּט טִרְדַּת לִבּוֹ בִּשְׁמִירָתוֹ וְהַנְהָגָתוֹ**. - ער שפּירט ממש בחוש ווי דער רבוש"ע האָט אים געזאָגט: **דיך לאָז איך האָבן אַ רואיג לעבן!** דיך וועל איך לאָזן אַז דו זאָלסט קענען עוסק זיין אין דיין תפלה, אין דיין תורה, מיט דיין משפחה, איך לייג נישט אַרויף אויף דיר אַז דו זאָלסט דאַרפן האָבן אַלע סאָרט אחריות'ן וואָס וועלן שטערן דיין גאַנצע מנוחת הנפש! איך פּטר דיך פון די אַלע חובות און התחייבות'ער וואָס מענטשן וועלכע האָבן געלט דאַרפן טון!

דער אויבערשטער זאָגט פאַר אַזאַ איד: **דיך בין איך נישט מחייב צו טון גרויסע זאַכן פאַר 'חובות אלקים'**, דאַרפסט נישט בויען קיין שולן און דאַרפסט נישט עוסק זיין שעות ארוכות צו טיילן געלט פאַר מענטשן, און דאָס זעלבע **בין איך דיך אויך נישט מחייב צו טון 'חובות בני אדם'**, וועסט קענען האָבן אַ 'מיעוט טרדת לבו בשמירתו ובהנהגתו', דו וועסט נישט האָבן די אַלע טרדות.

## די אמת'ע מנוחת הנפש פון האָבן ווייניגער געלט

דער חובת הלבבות לערנט אונז דאָ, אַז ווען מ'קוקט עס אָן ריכטיג איז דער מציאות אַז **אַ מענטש וואָס האָט ווייניגער געלט האָט ווייניגער טרדות!** נישט ווי מענטשן מיינען אַז איינער וואָס האָט נישט קיין געלט איז טרוד אַגאַנצן טאָג און אַגאַנצע נאַכט ווייל ער דאַרף באָרגן פון דעם און אָפּגעבן פאַר יענעם, ער איז פאַרנומען דרייען מיט חובות ביז זיין קאָפּ דרייט זיך שוין דערפון.

דער חובת הלבבות זאָגט פאַר אַזאַ סאָרט מענטש: דו ביסט פאַרגאַנגען! האסט געמיינט אַז דו דאַרפסט האָבן גרויסע צרכים, ביסטו געגאַנגען און געבאָרגט געלט. אָבער **דער ריכטיגער בליק דאַרף זיין אַז איינער וואָס האָט נישט קיין געלט איז בעצם איינער וואָס האָט אַסאַך ווייניגער טרדות**. איך דאַרף נאָר האָבן זאַכן וואָס דער אויבערשטער האָט מיך געגעבן געלט דערויף, און אויב האָב איך נישט קיין געלט דאָס צו קויפן איז אַ סימן אַז איך דאַרף דאָס נישט האָבן!

אייגנטליך פאָדערט זיך אַ באַזונדערע אריכות אויף די גאַנצע נושא פון חתונה מאַכן און באָרגן געלט, אָבער דאָס איז אַ באַזונדערע נושא. מ'האָט עס נאָר דערמאָנט לגבי די נקודה אַז ווען דער רבוש"ע האָט געגעבן פאַר דעם בעל בטחון ווייניג געלט, איז אים גוט. אודאי טוט ער זיין חיוב פון השתדלות, ער גיבט פאַר זיין בני בית וואָס זיי דאַרפן האָבן, אָבער ער לעבט רואיג אָן קיין טרדות, ווייל ער ווייסט אַז האָט אַלעס וואָס ער דאַרף.

## די פּחד פון רבי נטע פריינד ז"ל הערנדיג דאָס וואָרט עשירות

זאָגט דער חובת הלבבות ווייטער: **כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר עַל אֶחָד מִן הַחֲסִידִים שֶׁהָיָה אוֹמֵר: הַמָּקוֹם יַצִּילֵנִי מִפִּזּוּר הַנֶּפֶשׁ. אָמְרוּ לוֹ: מָה הוּא פִּזּוּר הַנֶּפֶשׁ? אָמַר: שֶׁיִּהְיֶה לִי מָמוֹן בְּרֹאשׁ כָּל נָהָר וּבְרֹאשׁ כָּל קִרְיָה**- דער חסיד האָט זיך פּשוט געבעטן ביים אויבערשטן אַז ער זאָל אים ראַטעווען פון פיזור הנפש, אַז ער זאָל נישט האָבן קיין דירות, ער זאָל נישט האָבן קיין שיפן מיט סחורה, און ער זאָל נישט האָבן קיין ריעל עסטעיט דאָ און דאָרט, ווייל די אַלע זאַכן ברענגט סתם טרדות.

אַ איד האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז אַמאָל געקומען פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל צו ערלעדיגן אַ געוויסע מסחר, האָט ער אָנגעטראָפן דעם חסיד, רבי **נטע פריינד** ז"ל, און זייענדיג אַ שטיקל קרוב מיט אים האָט ער פאַרציילט פאַר ר' נטע אַז ער איז דאָ געקומען האַנדלען פאַר פּרנסה. ר' נטע האָט אים וואַרעם אָנגעוואונטשן אַז דער אויבערשטער זאָל אים העלפן, ס'זאָל אַריינגיין אַ ברכה אין זיינע געשעפטן און ער זאָל זען אַ גרויסע הצלחה. און ווי דער שטייגער איז האָט דער איד צוריקגעוואונטשן: "אמן, וכן למר, איר זאָלט אויך האָבן עשירות מיט אַסאַך געלט".

פאַרציילט דער איד, אַז ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט 'עשירות' פון מויל, איז ר' נטע ממש אויפגעשפּרונגען: "**חס ושלום! חס ושלום! ווער ווייסט צי איך וועל קענען ביישטיין אין דעם נסיון העושר?! גיבט מיך נישט אַזעלכע ברכות!**"... דאָס איז געווען מיט אַזאַ אמת און אויטענטישקייט, ווי דער חובת הלבבות זאָגט דאָ אַז **דער חסיד איז מתפלל דערויף, אַז השי"ת זאָל אים מציל זיין פון עשירות**, און ער זאָל נישט נכשל ווערן מיט דעם נסיון העושר, ווייל 'איך ווייס נישט צי איך וועל קענען עומד זיין בנסיון'.

## די תפלה פון דעם חסיד; רבוש"ע ראַטעווע מיך פון געלט

דער חובת הלבבות שמועסט עס אויס אַז איינער פון די חסידים האָט געבעטן 'המקום יצילינו מפיזור הנפש'. וועט איינער מיינען אַז ער האָט נאָר געבעטן אויף ישוב הדעת, זאָגט דער חובת הלבבות אַז ניין! ווען מ'איז אים געגאַנגען פרעגן וואָס ער האָט געמיינט צו זאָגן האָט ער מסביר געווען: אַז איך זאָל נישט האָבן קיין געלט בראש כל קריה...

דער חסיד האָט זיך געבעטן: "רבוש"ע, אודאי אויב דו האסט גוזר געווען אויף מיר אַז כ'זאָל האָבן עשירות, בין איך עס מקבל באהבה, ווייל דעמאָלט איז דאָס מיין תפקיד און מיין שליחות. **אָבער טו מיר אַ טובה רבוש"ע, אויב ס'איז נישט מיין תפקיד בעט איך דיך אַז כ'זאָל נישט האָבן דעם נסיון!**"

איי, וועט איינער פרעגן אַז אויב אַזוי, וואָס איז די באַדייט פון די תפלה וואָס מ'בעט 'חיים של עושר וכבוד'?! אויף דעם איז דער חובת הלבבות ממשיך: '**וְהוּא מַה שֶּׁאָמְרוּ ז"ל** (אבות פ"ב מ"ז): **מַרְבֶּה נְכָסִים מַרְבֶּה דְאָגָה, וְאָמְרוּ** (אבות פ"ד מ"א) **אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ**'.

אודאי דאַרף אַ מענטש האָבן די צרכים און דער רבוש"ע גיבט אַן הבטחה אַז ער וועט צושטעלן אַלע צרכים פון דעם מענטש, אָבער **איבעריגע עשירות איז אַן אחריות!** דאָס געלט ליגט נישט סתם ביי דיר, דער אויבערשטער האָט דיך באַשטימט פאַר אַ שליחות, און מ'דאַרף זוכה זיין צו קענען אויספירן דעם שליחות ריכטיג.

## די רואיגקייט פון האָבן אַלע צרכים אָן קיין טרדות

פּירט אויס דער חובת הלבבות: **וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' יַשִּׂיג תּוֹעֶלֶת הַמָּמוֹן, רְצוֹנִי לוֹמַר פַּרְנָסָתוֹ, וְתִמְנַע מִמֶּנּוּ טִרְדַּת הַמַּחֲשָׁבָה שֶׁל בַּעַל הַמָּמוֹן וְהַתְמָדַת דַּאֲגָתוֹ לוֹ**. - דער בעל בטחון וועט האָבן אַלע זיינע באַדערפענישן און זיין פּרנסה, אָבער אָן קיין טרדות און אָן קיין דאגות, ער וועט נישט דאַרפן זאָרגן פאַר זיין געלט.

**כְּמוֹ שֶׁאָמַר הֶחָכָם: 'מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה יֹאכֵל וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן'** (קהלת ה יא). - דער בעל בטחון קען שלאָפן רואיגערהייט, אָבער אַן עושר וואָס איז נישט קיין בעל בטחון לאָזט אים זיין געלט נישט שלאָפן.

ב

# עצביהם כסף וזהב; דביקות אין דעם רבוש"ע איז אַ סתירה מיט דביקות אין געלט

## געלט איז אַ מפריד צו קרבת אלקים

דער חובת הלבבות מערקט אונז דאָ אויף, אַז **די נושא פון געלט איז איינס פון די גרעסטע און עיקר מעכבים וואָס שטערן דעם מענטש פון עבודת ה'!**

די גאַנצע סוגיא פון **געלט** קריכט אַריין אַזוי טיף אין אונזער מהות אַז מיר כאַפּן גאַרנישט אַז **אונזער נפש קען זיך נישט מדבק זיין אין השי"ת, ווייל דאָס געלט איז אַ מפריד**, סיי אויב מען האָט יאָ דאָס געלט, סיי אויב מען האָט נישט דאָס געלט.

אויב וואָלטן מיר געקענט ליינען די מחשבות פון מענטשן, און מ'וואָלט בודק געווען **וויפיל פּראָצענט פון דעם מח און הארץ פון אַ חסידי'שער**

**איד טראַכט וועגן געלט**, וואָלט עס געווען פּחד פּחדים... ווען מ'זאָל ווען מאַכן אַזאַ סאָרט מבחן וואָלט עס געווען זייער נישט באַ'טעמ'ט...

## ס'איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן...

באמת ווייסן מיר דאך אַז אַ איד דאַרף האָבן אַ דביקות אין דעם אויבערשטן. **די ערשטע שטאַפּל פון דביקות איז, אַז די מחשבה איז אַלעמאָל פאַרנומען מיט דעם 'שויתי ה' לנגדי תמיד'.** זיינע מחשבות זענען וועגן דעם אויבערשטן; ער טראַכט אַז ער וויל דאַנקן דעם אויבערשטן; ער וויל וויסן וואָס דער אויבערשטער וויל פון אים; ער לערנט צו וויסן דעם דעת פון דעם רבוש"ע; ער דאַוונט צו השי"ת; ער איז עוסק במשא ובמתן ווייל ער ווייסט אַז ער האָט אַ שליחות, א.א.וו.

דער חובת הלבבות זאָגט אונז אָבער אַז ס'איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן. דער בחור איז נישט אינדערהיים... **וואו איז דער מענטש?! ער איז דבוק, ער האָט אמת'ע דביקות, אָבער זיין דביקות איז צו די נושא פון 'געלט'.** נאָך איידער איך רעדט מיט אים וועגן דביקות צום אויבערשטן, **דאַרף מען צוערשט אַראָפּנעמען זיין דביקות אין דעם ענין פון געלט!** און דאָס איז אַזוי ביי יעדן איינעם, סיי דער וואָס האָט יאָ געלט און סיי דער וואָס האָט נישט געלט. **ווילסט וויסן פאַרוואָס מ'דאַרף לערנען בטחון אַלס די ערשטע זאַך אין עבודת ה'?! ווייל אַז נישט האָב איך בכלל נישט צו וועמען צו רעדן!**

## ווען דער מענטש איז פאַרטון מיט שטותים קען מען גאָרנישט טויטשן

מ'קען דאָס מדמה זיין צו דעם ווייטאָגליכן מציאות וואָס מ'הערט פון אידן וועלכע געבן זיך אָפּ מיט בחורים וועלכע דאַרפן הילף אין אידישקייט. די מחנכים באַדויערן אַז זינט ס'איז לייִדער שטאַרקער געוואָרן די נסיונות פון טעכנאָלאָגיע, **האָבן זיי מער נישט מיט וועמען צו רעדן,** ווייל דער בחור דרייט זיך מיט זיין סמאַרטפאָון יום ולילה.

אַמאָל פלעגט מען קענען דערציילן מעשיות פאַר אַזאַ בחור, מ'האָט אים געקענט אריינלייגן עפּעס תורה און יראת שמים, מ'האָט געקענט כאָטש רעדן מיט אים, **אָבער היינט צוטאָגס איז פּשוט נישטאָ צו וועמען צו רעדן.** ס'איז טאַקע לעצטנס געווען אַזאַ סאָרט ישיבה וואָס האָט געמאָלדן אַז זיי מאַכן צו די טירן לייִדער, ווייל די בחורים זענען נעבעך געווען אַזוי שקוע און דבוק אין די כלים אַז ס'האָט נישט קיין פּשט צו האַלטן אָפּן די ישיבה, מ'קען מער נישט רעדן מיט זיי.

## בטחון לייזט דיך אויס פון דביקות צו געלט

דער חובת הלבבות רעדט צו אונז אַן ענליכע שפּראַך: **דו ווייסט ווי זיס עבודת ה' איז?! עבודת ה' איז אַ מחי'! אָבער מ'קען דאָך נישט רעדן צו דיר!** דער מענטש איז אַזוי דבוק צו די נושא פון געלט, ער טראַכט אַגאַנצן טאָג וועגן זיינע דאגות, וויאַזוי צו באַקומען מער געלט, וויאַזוי צו שאַפן געלט, ווער ס'איז אים שולדיג געלט, אָדער טראַכט ער וויאַזוי צו אָפּהיטן דאָס געלט וואָס ער האָט שוין. און דעריבער איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן וועגן עבודת ה'.

# דאס געלט ליגט נישט סתם ביי דיר, דער אויבערשטער האָט דיך באַשטימט פאַר אַ שליחות

קומט דער חובת הלבבות און זאָגט פאַר'ן מענטש: **איך האָב אַ געוואַלדיגע עצה, האב בטחון אין דעם רבוש"ע!** דער בוטח בה' וועט קיינמאָל נישט זיין דבוק אין געלט, סיי אויב ער האָט יאָ געלט און סיי אויב ער האָט נישט קיין געלט, ס'איז נישט מעלה אָדער מוריד. **קענסט זיין אַן עושר און ס'וועט דיך נישט שטערן, קענסט זיין אַן עני און ס'וועט דיך נישט שטערן.** די בטחון אין השי"ת איז די בעסטע לעזונג צו אַראָפּנעמען די שטאַרקע מחיצות וואָס טיילט אָפּ בינך לבין קונך. **עס גייט נישט אַראָפּנעמען די געלט, אָבער ס'גייט אַראָפּנעמען די מחיצה.** די געלט גייט מער נישט זיין אַזאַ גרויסע נושא, און אויטאָמאַטיש וועט דיין האַרץ זיין אָפן פאַר עבודת ה'.

## די מעשה יצר צו מבלבל זיין דאָס מענטשהייט מיט געלט

דער הייליגער **זלאָטשובער מגיד** זי"ע האָט געזאָגט בעפאַר זיין פּטירה לחיי העולם הבא, אַז ער וועט נסתלק ווערן פון דעם עולם, ווייל ער האָט געזען דריי זאַכן וואָס דער יצר הרע האָט לייִדער מצליח געווען אריינצוברענגען אין דער וועלט.

איינס פון די זאַכן האָט ער אויסגערעכנט אַז דער בעל דבר האָט מצליח געווען צו מרבה זיין די צרכי הפרנסה, אַז **מענטשן האָבן גאָר אַסאַך צרכים, און צוליב דעם איז נתבלבל געוואָרן זייער דעת, זיי קענען שוין נישט זיין דבוק צום אויבערשטן.** דער זלאָטשובער מגיד האָט געזאָגט אַז וויבאַלד ער זעהט אַז ער קען דאָס נישט מבטל זיין, וויל ער ענדערש שוין אַוועקגיין פון דער וועלט.

דער צדיק האָט געזען וואָס עס האָט פּאַסירט, אַז דער יצר הרע האָט מצליח געווען אריינצוברענגען אַ נייע סאָרט מציאות, אַז **מ'לעבט אויף אַזאַ הויכע סטאַנדאַרט און יעדער פּשוט'ער מענטש האָט אַ בודזשעט אין איין חודש פון טויזנטער דאָלאַר.** ס'איז אַזוי נתרבה געוואָרן די צרכים, אַז יעדער איינער פירט ממש אַן אייגענע מוסד, בלויז פאַר זיין שטוב מיט קינדער. דער זלאָטשובער מגיד האָט געוואוסט דערפון און ער האָט אונז מגלה געווען אַז **דאָס וועט זיין פון די נסיונות הדור,** דאָס וועט זיין דער מציאות!

## בלויז בטחון קען אונז ראַטעווען פון דעם בלבול הדעת

מ'קומט נישט יעצט שרייען: "וואָס דאַרפסטו האָבן עלעקטריק? לעב ווי אַמאָל ווען מ'האָט נישט געהאַט קיין עלעקטריק! געב זיך אַן עצה און נעם וואַסער מיט אַ טרעגער אַז זאָלסט נישט דאַרפן באַצאָלן פאַר קיין וואַש מאַשין".

נישט דאָס איז די כוונה! דער זלאָטשובער מגיד האָט אונז פאַרציילט, אַז דאָס מציאות איז,דער בעל דבר האָט מצליח געווען, **די וועלט האָט זיך געטוישט;** ס'גייט זיין אַ תקופה וואָס די צרכים גייען זיין אויסטערליש הויעך און **ס'גייט זיין אַ גרויסע עבודה זיך צו אַרויסדרייען פון דעם בלבול וואָס דאָס איז גורם פאַר'ן מענטש אַז ער קען זיך נישט מצמצם זיין.**

**די איינציגע וועג וויאַזוי אַרויסצוגיין פון אָט דעם בלבול איז 'בטחון'!** דאָס איז די עצה פאַר דעם מצב וואו מיר געפינען זיך! באמת איז עס טאַקע אַ פּחד, דער הייליגער זלאָטשובער מגיד האָט נישט געוואָלט זען אַזאַ וועלט, **ווייל ער האָט געוואוסט אַז מענטשן וועלן נישט זיין קיין בעלי בטחון און דערפאַר וועלן זיי ממש זיין גע'טובל'ט אין דעם דביקות צו געלט,** נישט בלויז אַ טבילה ראשו ורובו, נאר אפילו קיין שערה וועט נישט אַרויסגיין פון זייער דביקות וואָס זיי האָבן צו געלט.

## בני יששכר: נאַכלויפן געלט נעמט אוועק אַלע מדריגות חלילה

דער הייליגער **בני יששכר** אין ספר **מגיד תעלומה** שרייבט אַ לשון וואָס ס'איז אַ פּחד איבערצוזאָגן: **'הנני מעיד כי ראיתי בעיני צדיקים גדולים אשר יראתי לגשת אליהם'** - דער בני יששכר איז מעיד אַז ער האָט געזען צדיקים וואָס ער האָט מורא געהאַט צוצוגיין צו זיי, און דער בני יששכר האָט נישט געהאַט קיין טעות, ער רעדט פון אמת'ע צדיקים. אָבער **'וכאשר באו לידי נסיון והשתדלו להשיג ממון ובפרט בתביעה בפה, נתרוקנו מכל וכל ואבדו מעלתם'.** זיי האָבן אַלעס פאַרלוירן!

הערט וואָס פאַר אַן עוולה די גרויסע מענטשן האָבן געטון! זיי האָבן נישט געמאַכט עפּעס אַ שווינדל ביי געלט ענינים, נאר **זיי האָבן בסך הכל געבעטן געלט פון מענטשן!**

היינט צוטאָגס, זאָגט מען פאַר איינעם וואָס בעט נישט קיין טייערע פּריזן: "ביסט אַ שלימזל, דו ווייסט נישט וויאַזוי צו בעטן, מ'דאַרף דיך אויסלערנען וויאַזוי צו בעטן בפה". אָבער דער בני יששכר קוקט עס אָן אַנדערש! אודאי האַלטן מיר נאָכנישט דאָרט, מ'דאַרף וויסן וויאַזוי אָנצונעמען אויף למעשה די ווערטער פון די ספרים הק', אָבער מ'דערמאָנט עס נאר **כדי מיר זאָלן כאַפּן ווי ווייט מיר זענען פאַרוויקלט אין דעם ענין פון געלט,** אַז מיר באַגרייפן ניטאָמאָל אַז דאָס איז איינס פון די גרויסע עיכובים פאַר עבודת ה' וויבאַלד מיר זענען אַזוי פאַרדרייט מיט דעם נושא.

דערפאַר קומט דער חובת הלבבות און זאָגט: **לערן בטחון, וועסטו זען ווי די קליפּה פון געלט וועט שוין נישט מפריד זיין צווישן דיר און דעם אויבערשטן!**

ג

# וברוב חילו לא ימלט; בטחון איז טייטש אַז מען פאַרזיכערט זיך אין השי״ת, נישט אין די באַנק אַקאַונט

## דער עושר האַלט זיך שטאַרק אָן מיט זיין געלט

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז געוועגליכע מענטשן וואָס האָבן געלט **זענען מורא'דיג דבוק, בכל לבם ונפשם, צו זייער געלט.** און מ'רעדט דאָ וועגן אַ נאָרמאַלער מענטש וואָס הייסט גאָר אַ בעל צדקה, אָבער במציאות האַלט ער אַזוי שטאַרק אָן זיין געלט, **אפילו אויב ער גיבט צדקה.**

יעדעס מאָל וואָס מ'וויל פון אים באַקומען אַ גרעסערע נדבה איז דאָס אַ גאַנצע עסק, ווייסטו פאַרוואָס? כ'וועל דיך זאָגן דעם סוד, **ווייל דער מענטש שפּירט אַז ווען ער האָט געלט איז ער מסודר!** ער איז אַוועקגעשטעלט, ער דאַרף נישט דאגה'ן פאר זיינע אייגענע צרכים. אויב ס'פּאָדערט זיך אַוועקצופאָרן אויף זומער איז דאָ געלט דערויף, אויב מ'דאַרף חתונה מאַכן איז דאָ גענוג געלט, א.א.וו.

טיף אין האַרץ איז דער מענטש זיך בוטח אין זיין געלט. **ער שפּירט אַז ס'איז זייער וויכטיג אַכטונג צו געבן דערויף, ווייל דאָס גיבט אים אַ פאַרזיכערונג.** מ'נוצט אפילו דאָס וואָרט: 'סעקיוריטי' אין באַנק', די טייטש פון דאָס וואָרט 'סעקיוריטי' איז 'בטחון'. דער מענטש איז פּשוט אַזוי שטאַרק דבוק און בטוח אין דאָס געלט. **דערפאַר איז אַזוי שווער פאר דעם עושר צו אַרויסנעמען דאָס געלט און דאָס געבן פאַר אַ צווייטן**, ווייל ער שפּירט אַז ער פאַרלירט דורכדעם זיין פאַרזיכערונג.

## די ערשטע זאַך; באַמערק ווי אָנגעוויזן דו ביסט אויף דיין געלט

דער חובת הלבבות זאָגט נישט אַז דו זאָלסט יעצט מפזר זיין אַלע געלט; ער זאָגט נישט אַז מ'זאָל געבן מער פון א חומש פאר צדקה, און דער חובת הלבבות האָט אפילו נישט געזאָגט אַז מ'זאָל נישט אַוועקלייגן געלט. ס'איז געווען צדיקים וואָס האָבן גאָר גע'עצה'ט אַז מ'זאָל יאָ אַוועקלייגן און זיך אָפּשפּאָרן געלט, נישט דאָס איז די נושא דאָ. **דער חובת הלבבות איז נישט מבזה דאָס געלט, ער איז אָבער יאָ מבזה די דביקות הלב וואָס מענטשן האָבן צו געלט.**

ער זאָגט אונז: **צום אַלעם ערשט באַמערק עס!** נאָכדעם וועט מען רעדן וואָס צו טון, אָבער **קודם זאָלסטו כאָטש באַמערקן ווי שטאַרק דו ביסט צוגעבינדן צו דיין געלט**, און ווי שטאַרק דו שפּירסט אַז דאָס גיבט דיך אַ רואיגקייט צו זיין אַ מענטש אויף דער וועלט מיט אַלע דיינע צרכים וואָס מ'דאַרף האָבן, ווייל דו האסט די הרגשה אַז: "אויב כ'וועל האָבן געלט וועל איך האָבן מיינע געברויכן און אויב כ'האָב נישט געלט וועל איך עס נישט האָבן".

## עצה טובה קמ״ל; לאָז דיך אָפּ פון דביקות אין געלט וועט דיך ווערן זיס

ס'איז דאָ מענטשן וואָס זענען אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אַלס קינד אין אַ שטוב וואו ס'איז נישט געווען קיין געלט, און יעצט האָבן זיי מחליט געווען: "איך וויל נישט לעבן אַזאַ סאָרט לעבן, אַז יעדע זאַך וואָס מ'וויל קויפן איז אַ גאַנצע געשעפט, מיינע קינדער גייען נישט דורכגיין וואָס איך בין דורכגעגאַנגען". **קומט אויס אַז דער מענטש וויל באַקומען זיין בטחון פון די געלט!** ער איז זיך אַזוי שטאַרק בוטח אויף זיין געלט אַז דאָס גיבט אים די רואיגקייט. ביינאַכט שלאָפט ער גוט ווייל ער האָט אַ מנוחת הנפש וואוסנדיג אַז ס'איז ב"ה דאָ געלט אין די אַקאַונט. איך האָב אַוועקגעלייגט און איך זיץ אויף אַסאַך געלט.

זאָגט אים דער חובת הלבבות: **ס'איז אַ שאָד אַז דו ביסט נישט טועם די זיסקייט פון דביקות אין דעם אויבערשטן!** די רעיון פון זיין אַ בעל בטחון איז נישט תלוי אויב מ'האָט למעשה געלט אָדער נישט. סיי אויב מ'האָט יאָ און סיי אויב מ'האָט נישט, קען מען מצליח זיין אין לעבן, אויב מען איז נישט 'דבוק' אין די געלט.

## די אומרואיגקייט ווען ס'איז נישטאָ קיין בטחון

די רואיגקייט פון דעם בעל בטחון איז בעיקר קענטיג, ווען ס'קומט אונטער פאַר'ן מענטש פאַרשידענע צרכים וואָס דער אויבערשטער האָט אים געהייסן טון מיט זיין געלט, און אויב האָט דער מענטש בטחון וועט ער נישט טראַכטן קיין צוויי נאָר ער וועט עס גלייך געבן מיט אַ שלוות הנפש.

ס'מאַכט זיך ביי אַ איד וואָס האָט ב"ה שיין פּרנסה, און ווען ס'קומט צו רענאָווירן זיין הויז אַז ס'זאָל זיין שענער וועט ער זיך לאָזן קאסטן אָן קיין שאלות, אָבער ווען מ'רופט אים אן פון דעם מוסד וואו זיין קינד לערנט אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסע תועלת ווען איינער לערנט צו מיט זיין יונגל עטליכע שעה, לייגט ער אַראָפּ דעם טעלעפאָן און טראַכט די ערשטע מחשבה: **"איך ווייס פאַרוואָס זיי זאָגן עס מיר, ווייל איך האָב געלט, פאַרשטייסט?! מיין יונגל וועט זיך פיין אַן עצה געבן, פּונקט ווי אַלע געבן זיך אַן עצה, ס'איז דאך די רעדע פון עטליכע הונדערט דאָלער אַ חודש!"...**

דאָס זעלבע שפּילט זיך איבער יעדעס מאָל ווען ער דאַרף אַרויסגעבן געלט פאר אַ דבר רוחני. **עס ווערט ביי אים אין קאָפּ אַ גאַנצע שקלא וטריא,** אין דער צייט וואָס ווען ס'קומט צו אויסגעבן געלט פאר זיינע באַקוועמליכקייטן איז נישטאָ אַזעלכע גרויסע ספיקות...

## דער בעל בטחון וועט זיך איילן צו ערפילן זיין תפקיד מיט'ן געלט

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז ביי דעם בעל בטחון איז עס פּונקט פאַרקערט: **כִּי הַבּוֹטֵחַ בַּה', אִם הוּא בַּעַל מָמוֹן יְמַהֵר לְהוֹצִיא חוֹבוֹת הָאֱלֹקִים וְחוֹבוֹת בְּנֵי אָדָם מִמָּמוֹנוֹ בְּנֶפֶשׁ חֲפֵצָה וְרוּחַ נְדִיבָה.** - דער בעל בטחון וועט זיך יאָגן צו אויסגעבן דאָס געלט מיט אַ גוטן געמיט, ווייל ער ווייסט אַז די גאַנצע סיבה פאַרוואָס ער האָט באַקומען דאָס געלט איז בלויז צוליב דעם! **ער וואַרט שוין אַז ער זאָל קענען געבן געלט אויף די רוחניות'דיגע זאַכן**, ווייל די גאַנצע געלט האָט ער דאָך באַקומען אַלס אַ שליחות, ס'גייט נאר אַריבער דורך אים.

די זעלבע זאַך איז ווען ס'קומט צו געבן צדקה: **אויב מ'איז נישט קיין בעל בטחון שפּירט מען אַלעמאָל אַז מ'האָט שוין יוצא געווען**, ער האָט דאָך שוין געגעבן מעשר כספים, און ס'איז ביטער שווער צו געבן נאָך צדקה. בפרט אַז מענטשן מוטשען צומאָל, און ס'איז נישט גרינג, מ'שטערט אים אינמיטן דאַווענען, און ס'איז באמת אַ גרויסע נסיון. נישט אַלעמאָל איז דאָ די זעלבע תשובה און די זעלבע קלאָרקייט וויפיל מ'דאַרף טאַקע טיילן.

אָבער **דאָס איז אַמאָל זיכער אַז דער בעל בטחון האָט אַ 'נפש חפיצה ורוח נדיבה' ביים געבן צדקה** - ווייל ער ווייסט לכתחלה אַז אויב מען האָט מיך פון הימל געגעבן אַזויפיל געלט, מוז זיין אַז מ'האָט מיך דאָס געגעבן אַז כ'זאָל עס אויסטיילן פאר אַנדערע אידן. ס'קען דאָך נישט זיין אַז מ'האָט עס געגעבן בלויז אַז ס'זאָל ליגן ביי מיר.

## מיין שפע איז געמאַכט אויסצוטיילן פאר אַנדערע

לו יצוייר אַז ס'ליגט ביים איינעם'ס טיר אַ גרויסע שיפּמענט פון 130 קעסטלעך אייער בעפאָר אַ יום טוב, **וועט יעדער פאַרשטיין אַז מסתם איז דאָס געמאַכט צו פאַרטיילן פאר אַנדערע.** דאָס איז די איינציגע סיבה פאַרוואָס דאָ ליגט אַזויפיל אייער. ס'מוז זיין אַזוי זיין, ווייל ער דאַרף דאָך נישט האָבן אַזויפיל פאר זיך.

דאָס זעלבע שפּירט דער בעל בטחון: **אויב דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעלייגט ביי מיין טיר אַזויפיל געלט, מסתם האָט מען מיך דאָס געגעבן כדי איך זאָל דאָס אויסטיילן פאר אַנדערע.** דער רבוש"ע האָט מיך אַריינגעשיקט דאָס געלט אַז איך זאָל עס שיקן ווייטער פאר מיין שוואָגער וואָס נויטיגט זיך דערינען.

## מיט בטחון ווערט דאָס צדקה טיילן פּשוט לייכטער

אודאי איז דאָס נישט גרינג, ווייל אין דער סעקונדע וואָס די געלט ליגט ביים מענטש באַקומט ער אַ מורא'דיגע דביקות אין זיין געלט. דערפאַר זאָגט אים דער חובת הלבבות: איך שריי נישט אויף דיר, כ'זאָג נישט אַז דו ביסט עפּעס אַן אויסוואָרף, **כ'האָב דיר נאר געוואָלט מודיע זיין אַז אויב וועסטו לערנען בטחון, וועסטו נישט דאַרפן דורכגיין די אַלע יסורים.** ס'וועט דיך זיין אַ מחי', וועסט קענען מקיים זיין אַלע דיינע חיובים גרינגערהייט און **וועסט עס מאַכן מיט אַ געשמאַק!** ס'וועט דיך נישט זיין אַזוי שווער יעדעס מאָל,

ווייל דו וועסט נישט האָבן קיין דביקות צו דיין געלט, און דו וועסט פשוט הנאה האָבן צו טיילן פאַר אַנדערע!

און ווירקליך **איז טאַקע באמת פאַרהאַן אַסאַך אַזעלכע אידן וואָס האָבן אַ מורא'דיגע געשמאַק צו געבן פאַר אַנדערע.** זיי שפּירן בחוש אַז דער אויבערשטער האָט מיך געגעבן דאָס געלט כדי איך זאָל דאָס קענען ווייטער אויסטיילן, זיי טוען דאָס 'בנפש חפיצה ורוח נדיבה' און ס'איז זיי ממש אַ מחיי'.

## דער בעל בטחון אָן קיין געלט ווערט געראַטעוועט פון דאָפּלטע עגמת נפש

דאָס איז אַלעס געזאָגט געוואָרן ביי די וועלכע האָבן יאָ געלט. אָבער דער חובת הלבבות זאָגט ווייטער אַז בטחון העלפט אויך פאר מענטשן וואָס האָבן נישט קיין געלט.

אויב דער מענטש האָט נישט קיין בטחון און ער פאַרמאָגט נישט קיין געלט, פּייניגט ער זיך צוויי פאַכיג. **די ערשטע צער איז די טענות וואָס מ'האָט אין קאָפּ**, פאַרוואָס האָט יענער יאָ... און **די צווייטע צער איז די עצם פּראָבלעם אַז מ'האָט נישט קיין געלט** און מען מוטשעט זיך צו האָבן די טאָג טעגליכע געברויכן.

אָבער אויב דו וועסט האָבן בטחון וועסטו נישט האָבן די ערשטע סאָרט צער, ווייל **דו גייסט נישט זיין פאַרוויטאָגט!** דו גייסט פאַרשטיין אַז **אַדאַנק דעם וואָס דו האסט נישט קיין געלט ווערסטו פּטור פון די פיזור הנפש און טרדת הנפש פון די בעלי ממון.** דער חובת הלבבות איז מבטיח אַז אויב דו וועסט זיין אַ בעל בטחון וועסטו הנאה האָבן פון דעם פאַקט אַז דו האסט נישט קיין געלט.

# די געלט גייט מער נישט זיין אַזאַ גרויסע נושא, און אויטאָמאַטיש וועט דיין הארץ זיין אָפּן פאַר עבודת ה'.

און דאָס זעלבע לגבי דעם צווייטן פּראָבלעם, אויב דו וועסט זיין אַ בעל בטחון וועסטו וויסן מיט אַן אמת אַז **אַלעס וואָס דו דאַרפסט האָבן באַקומסטו פון השי"ת, און דאָס איבריגע וועסטו ניטאַמאָל וועלן האָבן.** ווייל דו וועסט פאַרשטיין אַז אויב דו האסט עס נישט, דעמאָלט דאַרפסטו עס נישט האָבן.

## ערליכע אידן האָבן ניטאַמאָל געדאַרפט מער וויפיל זיי האָבן געהאַט

און אַזוי האָט מען טאַקע געזען ביי חסידים ואנשי מעשה אַז זיי האָבן בכלל נישט געוואָלט מער פון וואָס זיי האָבן געהאַט. ס'איז היינט אויך דאָ אַסאַך אַזעלכע אידן וואָס לעבן מיט דער אמונה אַז: **"איך האָב אַלעס וואָס איך דאַרף, און וואָס כ'האָב נאָכנישט וועט מיך דער אויבערשטער געבן, אָדער איז דאָס אַ סימן אַז ס'איז נישט גוט פאר מיר. און ס'איז מיר ב"ה גוט אַזוי".**

לסיכום קומט אויס אַז סיי די וואָס האָבן יאָ געלט און סיי די וואָס האָבן נישט געלט, **אויב וועלן זיי האָבן די ריכטיגע בטחון, וועט דאָס אַוועקנעמען אַלע זייערע פּראָבלעמען,** און זיי וועלן קענען זיין עובדי ה' אין יעדן סאָרט מצב וואו זיי געפינען זיך.

# קביעת עתים לתורה

## ויקחו לי;

### ווען אַ איד לערנט תורה באַקומט ער דעם רבוש"ע אַליין

קביעת עתים לתורה שיעור ז' חלק א' - יום רביעי פרשת תרומה ה' אד"א תשפ"ד

א

# כי לקח טוב נתתי לכם; דער רבוש"ע האָט זיך אַליין געגעבן כביכול צוזאַמען מיט זיין תורה

## פון דעם מדרש רבה תרומה קען מען ווערן אַ חסיד

דער **בית אהרן** פון **קאַרלין** זי"ע האָט געהאַט אַ חסיד אין טבריה, הרה"ח רבי **ישראל בער שוחט** (העלער) זצ"ל. אַ פּלומעניק פון הגאון רבי **שמואל העליר** זצ"ל אבד"ק צפת ת"ו. ווען רבי ישראל בער איז אַמאָל געקומען צופאָרן פון ארץ ישראל קיין קאַרלין, און ער האָט זיך געזעגנט פאָרנדיג אויפ'ן וועג צוריק קיין טבריי, האָט אים דער בית אהרן געזאָגט: **איך מאַך דיך פאר אַ שליח מצוה, זאָלסט זאָגן פאר די אינגעלייט, אַז זיי זאָלן לערנען דעם מדרש רבה אין פּרשת תרומה, ווייל פון דעם מדרש קען מען ווערן אַ חסיד!**

דער מדרש, אין דעם ערשטן שטיקל פון פּרשת תרומה, רעדט אַרום וועגן די געוואַלדיגע מתנה וואָס דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן אַז מיר קענען לערנען אפילו אַ וואָרט פון די תורה. ווען אַ איד לערנט אַזאַ מדרש העלפט דאָס אַז זיין תורה זאל טאַקע ווערן געלערנט מיט אַ העכערקייט, אַזויווי מ'דאַרף טאַקע לערנען תורה. מ'קען פון אַזאַ מדרש ווערן אַ חסיד מיט דעם ריכטיגן בליק צו פאַרשטיין וואָס טוט זיך דאָ ווען מ'לערנט די הייליגע תורה.

## אין די תורה רועט דער רבוש"ע מיט אידן

לאָמיר טאַקע מקיים זיין די ווערטער פון דעם צדיק, און לערנען דעם מדרש רבה אָנהויב פּרשת תרומה, אויפ'ן פּסוק 'ויקחו לי תרומה', ווי מיר זען דעם רצון ה' אַז **דער רבוש"ע וויל רוען צוזאַמען מיט אידישע קינדער**, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, ווי דער אלשיך הק' טייטשט דאָרט: 'בתוך כל אחד ואחד'.

זאָגט דער מדרש רבה: **"ויקחו לי תרומה - הדא הוא דכתיב** (משלי ד, ב) **כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו".**

דאָס הייסט אַז דער זעלבער כלל פון 'ויקחו לי תרומה' איז אויך געזאָגט געוואָרן לגבי די תורה הק'. פּונקט ווי בשעת מ'בויעט אַ משכן טרעפט זיך דער איד מיט זיין בורא, די זעלבע זאַך ווערט נתקיים ווען אַ איד לערנט תורה.

## אין תורה איז דאָ אַלעס גוטס אויף דער וועלט

זאָגט דער מדרש ווייטער: **"אל תעזובו את המקח שנתתי לכם"** - לאָזט נישט אָפּ דעם מקח וואָס כ'האָב אייך געגעבן. **"יש לך אדם שלוקח מקח יש בו זהב אין בו כסף, יש בו כסף אין בו זהב, אבל המקח שנתתי לכם יש בו כסף שנאמר** (תהלים יב, ז) **אמרות ה' אמרות טהורות כסף צרוף, יש בו זהב שנאמר** (שם יט, יא) **הנחמדים מזהב ומפז רב".** - ווען אַ מענטש קויפט גאָלד איז דאָס זייער חשוב און טייער אָבער דאָס איז נישט קיין זילבער. ווידעראום ווען ער קויפט זילבער האָט ער נישט קיין גאָלד, און דאָס זעלבע ביי יעדע סאָרט מקח, מ'קען נישט

אַלעס קויפן אויפאַמאָל. **אָבער ביי די תורה איז יאָ דאָ אַלע ענינים וואָס איז נאָר שייך פון דביקות בה'.** ביי מצוות איז טאַקע דאָ אַ חילוק אַז יעדע מצוה האָט אַן אַנדערע חלק פון דביקות, אָבער די תורה האָט אַלעס אין זיך!

**"יש אדם לוקח שדות אבל לא כרמים, כרמים ולא שדות, אבל המקח הזה יש בו שדות ויש בו כרמים, שנאמר** (שיר השירים ד, יג) **שלחיך פרדס רמונים."** - געוועגליך ווען אַ מענטש קויפט אַ קרקע איז עס טאַקע אַ שמחה אָבער ער קען נישט האָבן אַלעס; ווען ער האָט אַ שדה האָט ער נישט קיין כרם, און ווען ער קויפט אַ כרם האָט ער נישט קיין שדה, אָבער די מקח פון תורה פאַרמאָגט אַלעס אין זיך.

### דער שכר פון משה רבינו פאַרציילט אונז די חשיבות התורה

און דער מדרש איז ממשיך: **"יש לך אדם לוקח מקח ובני אדם אינן יודעין מהו, אבל משכר הסרסור, נתודע מה לקח".** - אַסאַך מאָל ווייסן מענטשן נישט די ווערד פון אַ מקח, אָבער ווען מ'זעט וויפיל דער בראָוקער האָט באַקומען דעמאָלט קענסטו אַביסל וויסן וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך דאָ. געוועגליך באַקומט דער מעקלער אַ געוויסע פּראָצענט פון דעם ריווח, און דאָס גיבט אונז אַ שטיקל הבנה וועגן וואָס ס'רעדט זיך דאָ.

**"כך התורה אין אדם יודע מה היא, אלא משכר שלקח משה שנאמר** (כי תשא לד, כט) **ומשה לא ידע כי קרן עור פניו בדברו אתו".** - די תורה איז אַ באַהאַלטענע זאַך, אָבער ווען מ'זעט די פּנימיות'דיגע שיין פון דער נשמה וואָס משה רבינו האָט באַקומען אַלס 'שכר הסרסור', פאַר'ן ברענגען די תורה פון דעם רבוש"ע צו אידישע קינדער, קען מען פאַרשטיין אַביסל די ווערד פון דער תורה.

**באמת זאלסטו וויסן אַז ווען דו האָסט געקויפט די תורה האָסטו אַלעס געקויפט!**

### דער רבוש"ע האָט זיך פאַרקויפט מיט זיין תורה הק'

און דער מדרש איז מסיים מיט אַ דבר נפלא, וואָס איז נאָך אַסאַך שטאַרקער ווי ס'איז געשטאַנען ביז יעצט: **"ויש לך מקח שמי שמכרו נמכר עמו?!"** - ביי אַ געוועגליכע מקח איז דען דאָ אַזאַ באַגריף אַז ווען אַ מענטש פאַרקויפט עפּעס, טוט זיך דער מוכר אַליין אויך פאַרקויפן צוזאַמען מיט דער זאַך וואָס ער האָט פאַרקויפט?!

אָבער דאָ ביי דער תורה איז אַנדערש: **"אמר הקב"ה לישראל: מכרתי לכם תורתי, כביכול נמכרתי עמה, שנאמר ויקחו לי תרומה".** - זאָגט דער רבוש"ע פאַר אידישע קינדער: **ווען איך האָב אייך פאַרקויפט די תורה, בין איך כביכול אַליין פאַרקויפט געוואָרן צוזאַמען מיט די תורה!** דאָס הייסט אַז ווען איר האָט באַקומען די תורה, האָט איר באַקומען כביכול בכבודו ובעצמו, **עד כדי כך!** דאָס איז טייטש 'ויקחו לי', **איר נעמט מיך אַליין!** ווען אַ איד נעמט די תורה נעמט ער דעם אויבערשטן זעלבסט.

### קיטון אחד עשה לי שאדור אצלכם

**"משל למלך שהיה לו בת יחידה, בא אחד מן המלכים ונטלה, ביקש לילך לו לארצו וליטול לאשתו. אמר לו: בתי שנתתי לך יחידית היא, לפרוש ממנה - איני יכול, לומר לך אל תטלה - איני יכול, לפי שהיא אשתך, אלא זו טובה עשה לי, שכל מקום שאתה הולך, קיטון אחד עשה לי שאדור אצלכם, שאיני יכול להניח את בתי."** דער מלך האָט געהאַט אַ באַליבטע בת יחידה, און ער האָט געוואָלט אַז זי זאָל חתונה האָבן. אָבער נאָך די חתונה האָט דער איידעם געוואָלט גיין לארצו צוזאַמען מיט די בת מלך. האָט אים דער טאַטע געזאָגט: דאָס איז מיין איינציגע טאָכטער, איך קען זיך נישט אָפּשיידן פון איר, און איך קען דיך אויך נישט זאָגן אַז דו זאָלסט איר נישט נעמען. אויב אַזוי טו מיר אַ טובה, אין יעדע פּלאַץ וואו דו גייסט, בוי אויף פאר מיר אַ קליינע צימער'ל, אַז ווען איך קום, זאָל איך קענען דאָרט זיין, ווייל איך קען נישט איבערלאָזן מיין טאָכטער.

**"כך אמר הקב"ה לישראל: נתתי לכם את התורה, לפרוש הימנה - איני יכול, לומר לכם - אל תטלוה - איני יכול, אלא בכל מקום שאתם הולכים, בית אחד עשו לי שאדור בתוכו, שנאמר ועשו לי מקדש".** - דער רבוש"ע זאָגט פאַר אידישע קינדער, איך קען זיך נישט אָפּשיידן פון די תורה, דאָס איז אלקות אַליין, אָבער איך האָב דאך אייך אַוועקגעגעבן די תורה ביים מעמד הר סיני. נאר אויף יעדע פּלאַץ וואו איר גייט נאר, מאַכט מיר אַ צימער'ל וואו איך זאָל קענען דאָרט זיין מיט איר, 'שנאמר ועשו לי מקדש'.

עד כאן איז דער לשון פון מדרש **וואָס ברענגט אונז אַרויס די געוואַלדיגע אהבה** וואָס דער רבוש"ע האָט צו די תורה הק' און צו די אידישע קינדער.

ב

## כי טוב סחרה מכל סחורה; תורה איז די בעסטע קנין אויף דער וועלט מיט בלויז רווחים

### געטליכע זאַכן האָבן נישט קיין גבולים

לאָמיר זיך אַביסל מתבונן זיין צו פאַרשטיין וואָס דער מדרש זאָגט דאָ:

ביי אידישע קינדער רעדט מען אַסאַך אַז דער רבוש"ע איז אַ כל יכול, און אַז ס'איז נישטאָ קיין זאַך וואָס קען אים מעכב זיין ח"ו, ער קען אַלעס טון. **בדרך כלל זאָגט מען דאָס בשעת ווען מ'רעדט וועגן דעם ענין פון תפלה,** אַז אַ מענטש זאָל זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, ער זאָל האָבן אמונה און בטחון אַז דער רבוש"ע העלפט אפילו אויף אַן אופן וואָס מיר קענען עס נישט יעצט זען, ווייל ער איז אַ כל יכול.

אָבער באמת איז דער ענין אַז השי"ת איז אַ כל יכול אויך אַקטועל ווען ס'קומט צום לערנען תורה.

דאָס הייסט אַזוי: אָט דער מושג אַז דער רבושע איז אַ כל יכול זאָגט אונז אַז דער אויבערשטער קען מאַכן אַז אַלעס זאל פּאַסירן, און אַז ס'איז נישטאָ ביי אים קיין עיכובים פון גבול, זמן און מקום. אָבער פאַרוואָס איז עס טאַקע אַזוי? **די סיבה דערצו איז ווייל יעדע זאַך וואָס איז אלוקות פאַרמאָגט אַלעס.** יעדע זאַך וואָס האָט אַ הייליגקייט האָט אין זיך אַלעס.

### ביים רבוש"ע איז נישטאָ קיין צמצום פון מקום און זמן

אַ גוטע דוגמא דערצו איז דער מן וואָס אידן האָבן געגעסן אין מדבר. טאַקע ווייבאַלד דער מן איז געווען אַ רוחניות'דיגער מאכל, אויטאָמאַטיש האָט מען געקענט טועם זיין דערינען יעדע סאָרט טעם וואָס איז נאָר געווען שייך. ווייל **רוחניות איז נישט מוגבל בלויז צו איין זאַך.** עס פאַרמאָגט אַלעס אין זיך.

ווען אַ איד רעדט וועגן דעם אויבערשטן, ווייסט ער אַז **ביים רבוש"ע איז נישטאָ קיין מקום און ס'איז נישטאָ קיין זמן.** די יכולת פון השי"ת איז נישט לויט אונזערע מושגים, נאָר ער איז מלא כל הארץ כבודו, ער איז היה הוה ויהיה, און ער איז אַ כל יכול.

### די שפע פון תורה איז אָן קיין גבול

און אָט דעם כח האָט דער אויבערשטער אַריינגעלייגט אין דער תורה הק'!

דאָס שטייט דאָ אין דעם ערשטן שטיקל פון דעם מדרש אַז **אין די תורה איז דאָ אַלעס!** דעריבער, ווען אַ מענטש איז זיך מדבק אין תורה, ער לערנט תורה הגם ס'קומט אים אן שווער זיך אָפּצורייסן פון אַנדערע זאַכן, דעמאָלט **קען ער טרעפן אין די תורה אַן עצה, אַ לעזונג און אַ ליכטיגקייט פאר יעדע זאַך!**

אויב אַ איד האָט, צום ביישפּיל, אַ פּראָבלעם פון רפואה, ווייסט ער אַז אין די עולם הזה'דיגע

מושגים דאַרף ער זיך יעצט ווענדן צו די מומחים וואָס פאַרשטיין אין דעם פעלד. ער האָט טאַקע אַ חבר וואָס איז אים זייער געטריי, **אָבער דער חבר האָט נישט קיין שום ידיעה אין די וועלט פון רפואה, דעריבער קען אים דער חבר נישט העלפן אויף די זאַך וואָס ער דאַרף יעצט.** אַצינד ברויך ער אָנקומען צו אַנדערע מענטשן.

ווידעראום ווען ער דאַרף האָבן אַן עצה אין די פרנסה, מוז ער אָנקומען צו אַ דריטער סאָרט מענטש, וועלכער פאַרשטייט אין דעם געביט פון זיין ביזנעס. און אַזוי ווייטער ביי אַלע ענינים. אַלעמאָל דאַרף דער מענטש טרעפן דעם פאַסיגן אַדרעס וואָס קען אים העלפן פאַר דעם ספעציפישן מצב וואו ער געפינט זיך יעצט. **אָבער די תורה איז אַ לעזונג פאַר יעדע סאָרט מציאות, ווייל אין די תורה ליגט דעם כח פון 'כל יכול'!**

## ביי יעדע סאָרט געשעפט דאַרף מען מוותר זיין אויף עפּעס

דער מדרש לערנט אונז אַז ווען אַ מענטש איז משקיע אין סיי וועלכע מקח, **דאַרף ער יעדעס מאָל מאַכן אַ החלטה צו מוותר זיין אויף איין זאַך**, כדי צו באַקומען אַן אַנדערע זאַך.

למשל, ווען איינער וויל קויפן אַ קרקע דאַרף ער אַוועקגעבן אַ געוואַלדיגע סומע געלט; **ער וויל האָבן דאָס געלט, אָבער ער וויל נאָך שטאַרקער קויפן די קרקע**, דעריבער מאַכט ער די ווייטאָגליכע החלטה: ווייסטו וואָס, כ'וויל האָבן די קרקע ענדערש ווי געלט. מיין חשבון אין באַנק וועט אַראָפּגיין צו כמעט גאָרנישט, אָבער למעשה גיי איך האָבן אַ קרקע און די פרייז דערפון קען אַסאַך שטייגן און כ'דאַרף דאָס וויכטיגער.

דאָס שפילט זיך אָפּ יעדעס מאָל ווען אַ מענטש קויפט סיי וואָס. אַלעמאָל דאַרף ער מאַכן אַן **החלטה אַז כ'קען נישט האָבן אַלעס און ער איז מוותר אויף עפּעס.** מ'קען נישט בלייבן סיי מיט די געלט און סיי מיט די קרקע. דו דאַרפסט מחליט זיין וואָס דו ווילסט ענדערש האָבן. הערשט נאָכדעם שפירט ער אַ צופרידנהייט מיט זיין החלטה, ווייל ער שפירט אַז ער האָט פאַרדינט מער ווי ער האָט פאַרלוירן. איך האָב טאַקע באַצאָלט אַסאַך געלט, אָבער כ'האָב למעשה עפּעס באַקומען דערפאַר.

## ביי דעם קנין תורה ביסטו גאָרנישט מוותר

אָבער ווען אַ איד קויפט די תורה, **איז דאָס אַזוי'ווי ער קויפט עפּעס וואָס האָט אין זיך אַלעס.** סיי געלט און סיי קרקע, **און דערפאַר איז זיין שמחה בשלימות!**

דאָס זאָגט דער מדרש אַז די תורה איז אַלעס, ס'איז שדות, ס'איז כרמים, ס'איז זהב, ס'איז כסף, א.א.וו. דאָס הייסט, אַז **ווען דו קויפסט זיך איין די זאַך פון תורה האָסטו גאָרנישט געדאַרפט אַוועקגעבן!** דו האסט באַקומען אַ קנין וואָס אַלעס ליגט דאָרט! די תורה גיבט פאַר'ן מענטש רפואות, עס גיבט אים שפע, עס גיבט אים נחת מיט שמחה, און אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן. נישטאָ קיין שום זאַך וואָס ער באַקומט נישט!

## פאַר'ן קינד דאַכט זיך כאילו ער פאַרלירט עפּעס דורך ווערן ערוואַקסן

די איינציגע שוועריגקייט וואָס אַ מענטש דאַרף זיך ספּראַווען דערמיט ווען ער גייט קונה זיין תורה, איז די טויש אין זיין לעבן, אַז ער גייט יעצט ווערן באַגרעניצט. דאָס איז פונקט ווי אַ קינד וועלכער ווערט עלטער און ער דאַרף מאַכן די החלטה צו ווערן מער ערוואַקסן.

**דאָס קינד גיבט נישט באמת עפּעס אַוועק, אדרבה, ווען ער וועט זיין ערוואַקסן וועט אים זיין דעת שטעלן אויף די פיס אין אַלע ענינים.** ער דאַרף נישט באמת מוותר זיין, אָבער ס'איז אים שווער דער טויש. ווען אַ קינד הערט אַז ער גייט ווערן ערוואַקסן פרעגט ער: "וואָס?! כ'גיי נישט מער קענען זיצן אויף דער ערד און שפילן מיט לעגאָס?! איך גיי זיך מער נישט קענען נאַריש מאַכן?!". - **ווען דו וועסט האָבן דעת, וועסטו זיך נישט דאַרפן נאַריש מאַכן, וועסט האָבן אַלעס!**

## דו קענסט גאָרנישט פאַרלירן מיט דער הייליגער תורה

דאָס איז די איינציגסטע שוועריגקייט וואָס איז דאָ ביים איינקויפן די תורה הק'. ווי דער מדרש הייבט אָן מיט'ן פסוק: "כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו". לאָז נישט אָפּ די תורה ווייל ס'איז אַ לקח טוב! פאַרוואָס איז עס אַ אַזאַ גוטע רכוש? ווייל ווען דו צאָלסט אַ פרייז צו קענען לערנען, ווען דו דאַרפסט עפּעס אָוועקרייסן פון זיך כדי צו קענען לערנען, **זאָלסטו וויסן אַז ס'איז בלויז אַן אחיזת עינים כאילו דו האסט געצאָלט אַ פרייז**, ווייל היות אין די תורה איז דאָ אַלעס, **קומט אויס אַז דו האסט גאָרנישט פאַרלוירן.**

קומט אויס אַז די איינציגע זאַך וואָס דו האסט פאַרלוירן איז בלויז אַז ס'איז געווען שווער ווען דו ביסט נאָך געווען מצומצם, **ס'האָט דיר אויסגעזען כאילו דו דאַרפסט מוותר זיין אויף עפּעס** - און דער אויבערשטער גיבט טאַקע אַסאַך שכר דערפאַר, לפום צערא אגרא - **אָבער באמת זאָלסטו וויסן אַז ווען דו האסט געקויפט די תורה האָסטו אַלעס געקויפט!** אין דער תורה איז דאָ געלט, אין די תורה איז דאָ ישוב הדעת. אַלעס וואָס דו קענסט נאָר טראַכטן האָסטו באַקומען ווען דו האסט מחליט געווען זיך צו מחבר זיין צו תורה. דאָס איז די ערשטע חלק פון דעם מדרש.

ג

# כי קרוב אליך הדבר מאוד; אויב מ'האָט בלויז אַ רצון צו קרבת אלקים מאַכט אונז די תורה הייליג

## אני נמכרתי עמה

די צווייטע חלק פון דעם מדרש ברענגט אַרויס אַז כביכול דער רבוש"ע אַליין האָט זיך אַריינגעלייגט אין דער תורה, **דער אויבערשטער זאָגט כביכול 'אני נמכרתי עמה', און דאָס איז די סיבה אַז ווען דו זעצט זיך לערנען תורה האָסטו אַלעס!**

ווייל אַז דו גייסט צום רבוש"ע וואָס האָט באַשאַפן די בריאה און ער איז אַ כל יכול, **איז דאָך זיכער אַז דו האסט גאָרנישט דערלייגט.** ווען דו האסט אַלעס אַוועקגעלייגט אין דער זייט כדי צו קענען לערנען און דו זיצט און לערנסט, זוכסטו דערמיט דעם רבוש"ע און ביי אים איז דאָ אַלעס גוטס בלי גבול.

## וויאַזוי מעג מען לערנען שלא לשמה?!

דער ספה"ק **יסוד העבודה** איז דאָך מיוסד זייער שטאַרק אויף די סוגיות פון לימוד תורה לשמה. בתוך דבריו (פרק ז' אות ז') פרעגט דער יסוד העבודה אויף דעם וואָס **רש"י** מיט **תוספות** זאָגן אין **מסכת ברכות** (יז, א) אויף די גמרא 'לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוות אפילו שלא לשמה', אַז דאָס גייט אַרויף אפילו **ווען איינער לערנט 'בשביל שיתכבד בעיני בני אדם,'** ער לערנט כדי ער זאָל האָבן כבוד און מ'זאָל אים שעצן.

פרעגט דער יסוד העבודה: וויאַזוי קען מען מפרש זיין אַזוי, צו מתיר זיין אַ זאַך וואָס די תורה אסר'ט צו טון, און אַ זאַך וואָס ברענגט אַ הארבן עונש אויפ'ן מענטש חלילה. ווי די **משנה** זאָגט (אבות פ"ד מ"ה): '**אל תעשם עטרה להתגדל בהם ולא קרדום לחפור בהם, ודאשתמש בתגא חלף, הא למדת כל הנהנה מדברי תורה נוטל חייו מן העולם**'.

נאָכמער שטייט אין ספרי אַז איינער וואָס באַנוצט זיך מיט די כלי פון תורה, וואָס מיט די כלי האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט, איז '**ייעקרו חייו מעולם הזה ומן העולם הבא**'.

אויב אַזוי, **וויאַזוי איז דאָ אַ היתר צו לערנען אפילו איינמאָל תורה שלא לשמה?!** דו ביסט דאָך מבזה דעם רבוש"ע?! דו ביסט דאָך עוקר חייך מן העולם הזה ומן העולם הבא?! וויאַזוי זאָגט רבא אַז 'לעולם' יעסוק שלא לשמה, וואָס איז פשט דערפון?! לכל הפחות, פרעגט דער יסוד העבודה, איז דאָך עס אַ מצוה הבאה בעבירה, וויאַזוי מעג מען דאָס טון?!

## ווילאַנג מ'זוכט אָנצוקומען צו תורה לשמה איז גוט

נאָר ענטפערט דער יסוד העבודה: 'ונראה ליישב דעתם', לויט ווי **חז"ל** זאָגן (ע"ז ג, א): '**אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו**', ווי דער פסוק זאָגט אין פרשת נצבים (ל, יא): '**לא רחוקה היא וכו' כי קרוב אליך הדבר מאוד**'. פון די אַלע פסוקים און מאמרי חז"ל פאַרשטיין מיר אַז **דער רבוש"ע וויל בעיקר אַז דער מענטש זאָל אים זוכן.** ווידעראום

די אַלע שאַרפע לשונות וואָס שטייט אויף תורה שלא לשמה, איז בלויז אויף איינעם וואָס איז זיך נישט 'מצטער על דבר זה', עס טוט אים נישט וויי דער מציאות אַז ער לאָזט אָפּ דעם כבוד פון אביו שבשמים און ער האָט אינזין כבוד עצמו.

אָבער אַ מענטש וואָס ס'טוט אים וויי דער פאַקט אַז ער האַלט נאָכנישט ביי אמת'ע תורה לשמה, און ער זוכט עצות מיט זיינע מעשים און מיט זיין האַרץ יעדן טאָג, וויאַזוי ער זאָל יאָ נתקרב ווערן צום אויבערשטן; ער איז מתפלל און ער איז משתוקק אַז דער אויבערשטער זאָל אים העלפן אַז ער זאָל איין טאָג זוכה זיין צו תורה לשמה, **אַזאַ איד איז אדרבה ואדרבה! דער רבוש"ע האָט אים ליב און ער העלפט אים אַז ס'זאָל טאַקע זיין מתוך שלא לשמה בא לשמה.**

מיט דעם זאָגט דער יסוד העבודה פּשט אין דעם **ספרי** אויפ'ן פּסוק 'ואהבת את ה' אלקיך'. דער ספרי פרעגט: וויאַזוי קען דער מענטש אָנקומען צו דער אהבה?! דער מענטש זאָגט: **איך האָב נישט די הרגשה, ס'איז דאָ עפּעס אַ קנעפּל צו באַקומען די אהבה?!** ענטפערט דער ספרי: **'תלמוד לומר והיו הדברים האלה - שמתוך שאתה נותן דברי אלה על לבבך, תזכה לאהבה'.** און דער ספרי זאָגט דאָרט ווייטער: **'עסוק בהגדה שמתוך כך אתה מכיר את מי שאמר והיה העולם'.**

## די תורה ברענגט דיך נענטער צום רבוש"ע

קומט אויס אַז די שאלה איז נאָר: "וואָס איז דיין ציל?!" - אויב זוכסטו אָנצוקומען צו אהבת ה' און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס דו זעצט זיך לערנען; הגם אַז בשעת דו הייבסט אָן לערנען ביסטו נאָך בעצם אין דעם אַלטן מצב, אָבער דו זוכסט צו אָנקומען צו אַ בעסערן מצב פון אהבת ה', דעמאָלט איז אויף דיר געזאָגט געוואָרן דער 'לעולם יעסוק אדם שלא לשמה'! **ווילאַנג דו ביסט זיך מצטער אויף דער זאַך, ווילאַנג דו זוכסט און דו בעטסט פון דעם אויבערשטן, וועט זיין הבא לטהר מסייעין אותו**, און אַלע שאַרפע לשונות איז נישט געזאָגט געוואָרן אויף אַזאַ תורה.

לענינינו, דאָס זאָגט אונז דער מדרש רבה אין פּרשת תרומה: דער רבוש"ע האָט זיך כביכול פאַרקויפט און ער איז אינעווייניג אין די תורה. ווען אַ מענטש זעצט זיך לערנען זאָגט ער אַזוי: פאַרוואָס איז מיר שווער צו לערנען?! נישט ווייל די תורה איז שווער, נאר ווייל איך געפין זיך נאָך אינדרויסן און איך זיך דעם רבוש"ע. דעריבער טשעפּע איך זיך אָפּ פון אַלע אַנדערע זאַכן און **איך לויף צום רבוש"ע, ווייל איך וויל אים האָבן!** איך וויל האָבן קרבת אלקים! אַזאַ סאָרט לערנען העלפט טאַקע דעם מענטש און ס'נעמט פון אים אַראָפּ אַלע הגבלות, אַז ער זאָל באמת זוכה זיין צו יראת ה' און אהבת ה'.

# נקודה למעשה

## אָן קיין פּרשת נח איז נישט דאָ קיין פּרשת לך לך...

מתוך שיעור ליל שישי פרשת נח תשפ"ג

ווען מ'לערן מיר פּרשת נח זאָגט אונז די תורה: ס'גייט באַלד קומען אַ פּרשת לך לך, וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אַז דעמאָלט ווערט ליכטיג; אין פּרשת לך לך הייבט מען אן רעדן פון אברהם אבינו, וויאַזוי די אבות הק' האָבן געדינט דעם רבוש"ע און וויאַזוי מ'דאַרף מקיים זיין די תורה. **אָבער איידער פּרשת לך לך איז דאָ אַ פּרשת נח!**

דאָס איז אַ פּרשה וואָס דאַרף אַוועקשטעלן דעם מענטש אַז ער זאָל זיך אויפפירן ערליך בין אדם לחבירו. ווייל **אויב ס'איז נישטאָ קיין מציאות פון מענטשליכקייט דאַרף מען נאָכאַמאָל איבערמאַכן די וועלט.** מ'קען נישט פאַררעכטן אַזאַ מין וועלט פון אַ דור המבול בלויז דורך מוסיף זיין בלויז אין הידורים בין אדם למקום. מ'קען נישט זאָגן: "ריכטיג, ס'איז טאַקע נישט ווי ס'דאַרף צו זיין, אָקעי, מ'גייט אָנטון נאָך אַ גאַרטל און ס'וועט שוין ווערן מסודר"...

ניין ניין! אויב ס'איז נישטאָ קיין מענטשן, דעמאָלט איז נישטאָ קיין וועלט! מ'גייט אויסמעקן די וועלט און יעצט וועט זיין אַ וועלט וואָס איז איידעלער, ווי די **ספרים הק'** ברענגען (עי' תורה אור פרשת נח) אַז די מבול האָט אויסגעאיידלט די וועלט אַזוי ווי אַ מקוה טהרה, ווייל די פערציג טעג איז געווען אַזוי ווי די שיעור פון אַ מקוה וואָס איז **ארבעים סאה**, כדי אַז די וועלט זאל נישט צוקומען צו דעם זעלבן פּראָבלעם נאָכאַמאָל. **די וועלט איז דורכגעגאַנגען אַ טהרה, ס'איז אויסגערייניגט געוואָרן. הערשט יעצט קען מען אָנהויבן בויען תורה און עבודת ה'!**

## אותיות מחכימות

ספה"ק יסוד העבודה חלק א' פּרק ז' אות ז'

ומעתה יש להפליא על שיטת רש"י ותוספות, שדעתם בפירוש רבא שאמר לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוות אפילו שלא לשמה, היינו בשביל שיתכבד מבני אדם. דהאיך אפשר לפרש כן להתיר דבר שעל ידי זה עושה עונש חמור על עצמו שהתורה אסרתו ואמרה שאין לו חלק לעולם הבא, ולכה"פ הרי זה מצוה הבאה בעבירה...

ונראה ליישב דעתם, ע"פ מה שכתבנו כיון דקי"ל אין הקב"ה בא בטרוניא על בריותיו. וגם כתוב בפרשת נצבים כל המצוה וכו' לא רחוקה היא וכו' כי קרוב אליך הדבר מאודע"כ, מזה אנחנו מבינים על כוונת הכתוב מה שצוה לאהבה את ה' וילפינן מזה שאסור ללמוד התורה כי אם לשמה, היינו דוקא במי שאינו מצטער על דבר זה, במה שרואה את לבבו הקשה שמניח כבוד אביו שבשמים ומכוון לכבוד עצמו. אבל האדם שהוא מצטער על דבר זה, וחופש עצות נאמנות במעשיו ובלבו כל יום, אשר על ידי זה יתקרב אל המצוה והמדה זו, ויזכהו שילמוד את התורה לשמה. וכמו שאמר בספרי בפרשת שמע: 'ואהבת, איני יודע האיך, ת"ל והיו הדברים האלה, שמתוך שאתה נותן את דברי אלה על לבבך תזכה'. ואמר עוד: 'עסוק בהגדה שמתוך כך אתה מכיר את מי שאמר והיה העולם', והרי שעיקר החיוב של לאהבה את ה' הוא על היגיעה ורוב השתדלות שישיג זאת לאהבה...

ע"כ שפיר אומר רבא שלעולם יעסוק בתורה ובמצוות, דהיינו במי שמשתדל להשיג לימודו לשמה, ומצטער מזה מה שאי"ז בלבבו לכוף את יצרו כי אם על ידי כוונת היצר שהוא בשביל כבוד, ודעתו בזה בשביל שיזכה על ידי לימודו וקיומו, שישיג ויבוא ללמוד לשמה, לאיש הזה מצוה עליו שיעסוק בתורה ובמצוות, מפני שמתוך שלא לשמה יבוא על ידי עזרת ה' לשמה, כי הבא לטהר מסייעין אותו.


קול הבינני
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

פטרון השבוע
נתנדב ע"י
מוה"ר **יצחק הושנדר** הי"ו
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי קוראי הגליון
יעמוד לימין הנדבן החשוב
לזכות לבני חיי ומזוני רויחי
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק: ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62, ביהמ"ד קראסנא לאקער #166, ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה, ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה, The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213, ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58, Central Market, ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל, ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ"ד סאטמאר 13 Monsey, ביהמ"ד סאלקא, ביהמ"ד דעלעטין, ביהמ"ד זוועהיל - West maple, ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont, ביהמ"ד דאמבראווא, בית המדרש רידזש, ויואל משה סאטמאר

קרית יואל: ביהמ"ד אהל פיגא, ביהמ"ד בית אלעזר, ביהמ"ד בית מנחם זאב, ביהמ"ד ישמח משה, ביהמ"ד אבני צדק, ביהמ"ד רב טוב, ביהמ"ד בית דוד